# קרית בראסלאב בלעטל

שנה ה׳ נומער 204
פרשת וארא · תשפ״ד

וואונדערליך:

## חתונה געמאכט פאר די נישטיגע סומע פון $13,000

הערט פון מו״ה יואל וועבערמאן הי״ו וואס האט חתונה געמאכט אין בית המדרש זיין עלטסטע טאכטער פאר בחנם ממש

**געדאנקען:**
פארצייטישע אידן וואס האבן געלעבט מיט אמונת צדיקים





**שמחות:**
ברית פון הילד יחזקאל נ״י בן הרב שלמה רוטה שליט״א א זון פונעם ראש ישיבה שליט״א און אייניקל פון גאב״ד קארלסבורג שליט״א - ערב שבת שמות

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
וארא ג' שבט תשפ"ד

הדלקת הנרות ........... 04:31
מוצאי שבת ............ 06:03

מנחה מעריב בא.... 05:45




אלץ און אלעמען
שני
4



אינטערוויו
א שמועס מיט א מחותן וואס האט חתונה געמאכט פאר 13,000$
18



א מעשה פון א צדיק
פארראכט דיין רעקל
12



געדאנקען
ס'שפריצט גלאז אויף אלע זייטן
6



מיט א טיפערן בליק
משה נעבען נעבען
14



פרויען גראמען
עס איז א פעקעדזש דיעל
30


## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה משה יחיאל פעלדמאן הי"ו**
**וזוגתו קריינדל תחי'**
**צו די געבורט פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעוןניישטיין הי"ו**
**וזוגתו חנה פראדל תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה דניאל אייזנער הי"ו**
**וזוגתו עטיא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו**
**וזוגתו מלכה תחי'**
**צו די געבורט פון א אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

בעזרת השם יתברך




# וזכני לגדל בנים ובני בנים... אוהבי השם יראי אלוקים

**יואל רוטה**
ר"מ תפארת התורה ברסלב
ברוקלין נ.י. יע"א

**Rabbi Yoel Roth**
123 South 8th St
Brooklyn NY 11211

בס"ד מאנטאג ויחי יג טבת התשפב

לכבוד מיין טייערע אהרן בן פיגא נ"י

טייל אויס פאר יעדן פון אונז שלומי' א פושקע פאר אונזערע מוסדות אין ארץ ישראל "קופת רבי מאיר בעל הנס", און ווען די פרויען גייען צינדן די שבת ליכט זאלן זיי לייגן צדקה פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות אזוי אויך ווען מען וויל פועלן א ישועה ווערט מען לייגן צדקה אין די פושקע פון ר' מאיר בעל הנס פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות און מען וועט זען א ישועה.

אלע זיינען זייער ווארעם צו העלפן די מוסדות אין ארץ ישראל על טהרת הקודש, מיר נעמען נישט קיין געלט פון די ערב רב און מיר לערנען נישט אין רעדן נישט זייער טריפה'נעם שפראך, האב נישט מורא אלע וועלן דיר העלפן אלע וועלן האבן א חלק אין ארץ ישראל.

יואל רוטה.

"ווען די פרויען גייען צינדן די שבת ליכט זאלן זיי לייגן צדקה פאר די ארץ ישראל'דיגע מוסדות"

מוסדות
היכל הקודש
באר הקודש
צדקת רבי מאיר בעל הנס
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

גרשון קרעמער



## שניי

שטיינעדיג אין תקופת טבת אין סאמע ברען (פראסט...) פונעם ווינטער, לאמיר זיך אפשטעלן אויף די שניי, און באטראכטן אביסל דעם באשעפער'ס גרויסע וואונדער.

ווי שיין און געשמאק איז צו זען דעם פוכיגן ווייכן שניי צודעקן וואס הילט איין די גאנצע בריאה. די רואיגע אטמאספערע וואס דאס גיבט צו איז נישט צום באשרייבן.

אבער אויסער די קינדער וואס קענען קויםווארטן אויף די שניי צו קענען שפילן דערמיט און בויען שניי מענטשן, באקומט די וועלט אסאך בענעפיטן פון די שניי. ווער געדענקט נישט די שוואכע ווינטער פון פאריאר ווען עס האט כמעט נישט געשנייט אין ניו יארק, אבער וואס אסאך כאפן אפשר נישט, האט עס צוגעברענגט א שטארקע מאנגל פון פרישע קוואל וואסער.

וואס האבן די צוויי א שייכות? די וואסער קוועלער זענען היילן וואס דער אויבערשטער האט איינגעלייגט אין די בריאה, און ווערן געפיטערט פון די רעגן אדער שניי פון העכער די ערד. אבער די ערד העכער די קוועלער זענען נישט געלעכערט, און כאטש עס רינט כסדר אראפ וואסער פון די ערד'ס אויבערפלאך צו זיי, קען אבער זייער ווייניג וואסער אויף אמאל אריינגיין, דאס איז גורם אז אפילו ווען עס רעגנט אסאך און אפילו גאר שטארקע שטורעם רעגנס קומט אבער זייער ווייניג דערפון אן צו די קוועלער אונטער די ערד.

שניי איז אבער אנדערש, ווען די ערד איז צוגעדעקט מיט א שיכט פון שניי, טוט די זון אויפלאזן יעדן טאג קליינע מאסן פון די שניי וואס רינט שטאטעלעך אריין אין די ערד, און כמעט די גאנצע וואסער דערפון קומט פאקטיש אן צו די קוועלער.

און קוק די וואונדער פון באשעפער, די קאלטע שניי האט נאך א תפקיד, די קאלטע שניי טוט אנווארימען די ערד, און פילע געוויקסן און באשעפענישן באהאלטן זיך אונטער דעם און קענען אזוי ארום דורכלעבן די ברוטאלע ווינטער קעלט.

וויאזוי ווערט שניי פארמירט? אן אריינגיין אין וויאזוי "רעגן" ווערט פארמירט, וואס דארף א באזונדערע אריכות, ווערן די טראפעלעך פון וואסער פון וואס די וואלקענעס באשטייען פארמירט אין פיצקעלעך אייז ברעקעלעך אויב די טעמפעראטור איז אונטער 32 פערנהייט (0 צעלציוס) וואס ווערט וואונדערליך פארמירט אין די הערליכע פארעמס פון וואס מיר קענען זיך נישט גענוג אפוואונדערן, ווי יעדע איינציגע שניי ברעקל זעט אויס אנדערש, אבער איז הערליך פארמירט ווי א מייסטערהאפטע שטערן.

עס זענען געווען צדיקים וואס האבן געהאט א דרך צו מאכן סיגופים ווי גלגול שלג, זיך פייניגן דאס גוף און אזוי אויסלייטערן די נשמה, אבער דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט א דרך אין עבודת ה', דער רבי האט געזאגט אז ווער עס מאכט התבודדות, ער רעדט צום אייבערשטן דער דארף זיך נישט פייניגן, דער רבי האט אויך געזאגט אז ער באדויערט דאס וואס ער האט זיך געפייניגט אין די אינגע יארן, ווייל ווען ער וואלט געוויסט ווי גרויס התבודדות איז וואלט ער נאר דאס געטון.

מוהרא"ש האט צוגעלייגט אז די וואס גייען הפצה קומען אפ אלע סיגופים, ווייל אז מען גייט ארום הפצה קומט אויס אז מען דארף גיין אין שניי, מען גליטשט זיך אויס, האט מען באקומען גלגול שלג, זומער גייט מען אין די היצן, מען שוויצט אוועק, און מען נעמט אלעס אן בשמחה, דערמיט קומט מען אפ אלע עבירות.

ראה זה חדש: אויפן גרויסן פארלאנג האבן מיר געעפענט אן אימעיל ווי די ליינער וועלן קענען בעטן מיר זאלן באשרייבן סיי וועלכע נושא, און מיר וועלן פרובירן צו ענטפערן כיד ה' הטובה עלינו.

Askgershon@gmail.com

בעזרת השם יתברך

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר
בשם אלע תלמידים א
הערצליכן ברכת מזל טוב פאר
אונזער חשוב'ער

# ראש ישיבה
שליט"א

לרגל נישואי בנו החשוב
הרב **שמעון** הי"ו
למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
עב"ג – טאכטער פון ידידינו

הרב **אברהם משה**
**שטראססער** שליט"א

**מנהל מוסדותינו הקדושים**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א בנין עדי עד, א קשר של קיימא, זיי זאלן זוכה זיין אויפצושטעלן הערליכע לעכטיגע דורות.

און דער ראש ישיבה מיט'ן מנהל שליט"א זאל זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך געזונטערהייט, און האבן כח אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון פארשפרייטן דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט,
אמן.

געדאנקען

משה ארי' שניצלער



# ס'שפריצט גלאז אויף אלע זייטן

לעלו!!!! לעלו!!!!!! ריק דיך שוין דו חכם איינער!!! דו זעסט נישט א אמבולאנס קומט צו רייסן??!!!! דו ביסט בלינד?!!!

ל ל ל ע ע ל ל ל ו ! ! ! ! ! ! ! לללללעללללו!!!! עה!! או!! עה!! או!! עה!! או!! גיי אין די זייט!!!!!

ר' חיים קארטאפל, דער ראש הקהל פון קהל בני נארמאלע מענטשן איז שוין געווען דעם ווינטער דריי מאל ביים הארץ דאקטער! יעצט נעבעך, דא אין די נארמאלע שול, גלייך נאך די מנהג פון עסן דעלקעלעך מיט מאטיאש לזכר נשמת די וואס רוען במנוחה נכונה, האט ער געלייגט די רעכטע הענט אויפן הארץ, און געזאגט פאר די ארומיגע, אז ער קען נישט ענדיגן אלע דעלקעלעך ווייל ער פילט נישט גוט, און זיי זאלן זען אז די דעלקעלעך זאלן נתעלה ווערן כראוי וכיאות, אז די נשמות זאלן נישט האבן קיין טענות פאר'ן נישט עסן גענוג מאטיאש ביז די נשמות קומען אויף זייער געוואונטשענעם ארט.



ר' חיים קארטאפל איז געגאנגען - אזוי האלב הינקעדיג - צום ווינקל פון די נארמאלע שול, און מיט ביידע הענט אויפן הארץ געווינקען פאר איינעם אז ער ברויך ערשטע הילף, מ'מוז ברענגען א אמבולאנס ווי שנעלער, גלייך דערויף איז ר' חיים קארטאפל אראפגעפאלן מאכטלאז.



די איבערגעגעבענע הילף'ס לייט האבן געמאכט סי. פי. אר. פאר איבער א האלבע שעה, ברוך השם די פולס איז צוריק, אריין אין אמבולאנס, מ'פירט אים אין שפיטאל.

לעלו!!!! לעלו!!!!! ל ל ל ע ע ל ל ל ו ! ! ! ! ! ! ! לללללעללללו!!!! עה!! או!! עה!! או!! עה!! או!! גיי אין די זייט!!!!!

וואס גיי אין די זייט? ווער גייט אין די זייט? דו גיי אין די זייט!

ר' איד טראגט אייך אפ פון דא! א איד האט דא א הארץ אטאק און גייט אייך וואו די רויטע פעפער



# געדאנקען



וואקסט!!!!!

וועם שיקט מען דא צו די רויטע פעפער?

ר' העלזל פרענטשפרייס, יא איר הערט גוט, דער היכער ר' העלזל, דער באליבטער "קענדי מענטש" פון די נארמאלע שול, ער לויפט נאך דעם אמבולאנס ווי א דריי יעריג קינד, וואס קען דאס מיינען?

ר' העלזל פאכעט אין די האנט מיט א צעטל, א שטר חוב, ער שרייט אז חיים קארטאפל, דער ראש הקהל, דער עושר, דער ריעל עסטעיט מאגנאט, דער תורה מעצאנאט, דער תורה וגדולה במקום אחד, דער בעל אכסניא פון כ"ק אדמו"ר מ'קארנטשיפס, דער "ס'קומט אראפ השפעות בשעת השמחה", דער וואס שרייט אז די ברסלב'ע אומזיסטע חתונות אין שול איז דער ריכטיגער סימן פון א קולט, פון א דיקטעיטערשיפ, האט געבארגט פון אים צוואנציג אלפים, ביים דריטן קינד'ס חתונה, פונקט צוועלף חדשים צוריק, און יעצט איז דער זמן הפרעון!

לאזט מיר אריין צו דעם וואגאבונד אין אמבולאנס! אז מ'בארגט פון העלזל באצאלט מען ווי א קעלבל! לאז ער באצאלן דעם חוב די רגע אויב וויל ער נאך זען די שיין פון די זון!!!!

די נארמאלע מענטשן פון די נארמאלע קהילה האבן פרובירט מסביר זיין פאר ר' העלזל אז דאס וואס ער טוט איז נישט נארמאל און ער קען נאך ווערן עקסקאמיוניקעיטעד פון די נארמאלע קהילה פאר טון אומנארמאלע זאכן אינערהאלב די "בני נארמאלע מענטשן".



**יעצט איז מיין הארץ אטאקע, שטער מיך נישט אינמיטן האבן א הארץ אטאקע!**

העלזל טענה'ט אבער אז צוואנציג אלפים איז אים וויכטיגער ווי זיין מעמבערשיפ אין קהל בני נארמאלע מענטשן.

העלזל נעמט ארויס פון קאר זיין בעיס באלל העט און הייבט אן האקן אויף די פענסטער פון די אמבולאנס, ס'שפריצט גלאז אויף אלע זייטן, מ'הייבט אים אן מסביר זיין אז עס לייגט זיך נישט אויפן שכל יעצט צו מאנען א חוב פון חיים קארטאפל, פארוואס? ווייל ער האלט אינמיטן א הארץ אטאקע!!!!!

אמאל איז געווען א גרויסער ביזנעסמאן וואס ווען מ'האט אים געשטערט אינמיטן א וויכטיגע מיטינג, פלעגט ער זאגן, יעצט איז מיין הארץ אטאקע, שטער מיך נישט אינמיטן האבן א הארץ אטאקע!

ער פלעגט עס מסביר זיין בטוב






טעם ודעת, אויב איך האב יעצט א הארץ אטאקע וועט דיין אישו בלייבן unresolved? ניין! איז לאמיך האבן מיין הארץ אטאקע און גיי ספראוועו דיך מיט דיין אישו!

די הארץ אטאקע טעאריע ארבעט זייער שטארק אין עבודת השם! יעדן צופרי, נאך שחרית, זאג איך א דף גמרא! עפעס א וויכטיגע אישו איז אפירגעקומען אינמיטן דעם דף און וויל מיך שטערן? שטער מיך נישט אינמיטן א הארץ אטאקע!

דאס קיין זיין א רמז אויף דעם וואס מ'זאגט צופרי' דעם פסוק, ושחט אותו, ווייל פאר מ'דאוונט וויל מען נאר איין קוק געבן די אימעיל, און נאכדעם ווערט שוין פלוצלונג דרייע נאכמיטאג! פארדעם זאגט מען ביים דאווענען ושחט אותו, נאך פאר איך גיי "נאר" קוקן די אימעיל לאמיר זיך א שעכט טאן און אריין לויפן אין שול. אונזערע זיידעס האבן זיך געשאכטן פארן אייבערשטן בפועל ממש, איז לאמיר זיך שעכטן מיט אריינכאפן א שחרית, א מנחה, א מעריב, א דף גמרא.

אפשר איז דאס אויך א רמז וואס מ'זאגט צופרי' די עקידת יצחק, איך האב נישט קיין כח צו דאווענען, צו לערנען, פלוצלונג זע איך ווי אונזער זיידע יצחק ליגט געבינדן די הענט און פיס, לאמיר זיך בינדן די הענט מיט די הייליגע תפלין, לאמיר כאפן א דאווען נאך פאר די אימעיל, לאמיר כאפן א דף גמרא, נאך פאר איך רוף צוריק די באנק מענעדזשער. די דף גמרא וועט מיך באשיצן!

אז אונזערע זיידעס האבן זיך געלאזט שעכטן, וועל איך אוועק געבן צען מינוט צו גיין אין שול. איך האב נאך געקענט אסאך אידן וואס האבן נעבעך פארלוירן אין קריג א ווייב און קינדער, איך האב אסאך מאל געזען דעם צדיק נשגב כ"ק אדמו"ר בעל ויחי יוסף מ'פאפא זכותו יגן עלינו, ער האט פארלוירן צען קינדער אין קריג! און אנגעהויבן פון ניי! כ'האב אסאך מאל געזען דעם אויסערגעווענליכן בעל צדקה מו"ה ר' ישראל זופניק ע"ה, וואס ער האט אזויפיל מאל מחי' געווען רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, אזויפיל תורה-בנינים אוועקגעשטעלט אין אלע עקן וועלט, ער האט נעבעך פארלוירן זיין ווייב מיט זעקס קינדער ביים קריג, ער האט נאכאמאל חתונה געהאט, און נעבעך נישט געהאט קיין קינדער, יהא זכרו ברוך.

איך האב אסאך מאל געזען דעם חסיד המתחסד עם קונו מו"ה מרדכי לייב טירנויער ע"ה (פון זיין אמונת צדיקים און שימוש תלמידי חכמים קען מען שרייבן עטליכע בענדער סיפורים נפלאים). ער האט געהאט א אפענע טיר ביים רבי'ן זכותו יגן עלינו, ער פלעגט שמועסן מיט'ן רבי'ן פון זיינע ביטערע צרות וואס ער איז דורך ביים קריג, דער רבי פלעגט שמועסן מיט אים מיט א פאטערליכע ליבשאפט, און אים מחזק געווען אז די שווערע עבודה פון אנהייבן נאכאמאל אויף די עלטערע יארן צו מגדל זיין א פרישע משפחה מיט קליינע קינדער איז נישט קיין קלענערע מדריגה ווי אויסגיין אויף קידוש השם.

די אידן האבן אלעס פארלוירן און זיכאויפגעפרישט, לאמיר זיך אויפפרישן פאר צען מינוט א טאג.

כ'האב אמאל געהערט פון א גרויסע מגיד, אונזערע זיידעס זענען נעבעך געשטארבן אויף קידוש השם, לאמיר איין מינוט לעבן אויף קידוש השם, לאמיר אריינכאפן א דף גמרא, אפילו ס'זעט אויס ווי אלעס וואס איך האב גייט יעצט שטארבן, מיין ביזנעס שטארבט, מיין קאר שטארבט, מיין אקאונט אין טשעיס באנק שטארבט, מיין עמעזאן סעלינג אקאונט שטארבט.

אבער יעצט איז הארץ אטאק צייט, אינמיטן א הארץ אטאק קען מען גארנישט טון, באלד, נאכ'ן דף גמרא, נאך די הארץ אטאק וועלן די הייליגע תנאים ואמוראים מיר קומען צו הילף, ר' שמעון בר יוחאי וועט מסדר זיין מיין טשעיס אקאונט, אביי ורבא וועלן מסדר זיין מיין עמעזאן סעלינג אקאונט, רש"י הקדוש וועט אוועקפירן צו די רויטע פעפער דעם וואס האט געלייגט אויף מיין קאנסטראקשן סייט א סטאפ ארדער, נאר די גמרא העלפט, נאר די תורה ראטעוועט, מוהרא"ש האט מבטיח געווען אז ווער ס'זאגט גמרא יעדן טאג וועט האבן ברייט פרנסה, פרוביר עס פאר פינעף מינוט, דו וועסט זען נסים גלויים.

**מוהרא"ש האט מבטיח געווען אז ווער ס'זאגט גמרא יעדן טאג וועט האבן ברייט פרנסה**

ברסלב
שטיצט
ברסלב

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM

# קלאסיפייד








גרויסע סעיל אויף
די ש"ס מנוקד

רעגולער $900
יעצט פאר $699

א דערמאנונג אויפצופיקן אייערע חפצים ביים השבת אבידה שטיבל 845-243-0604

Perrelles
COUTURE

SALE! Starting motzei Shabbos parshas vueiru till Friday parshas boi all winter hats and shawls FREE !
Come view our beautiful selection of fine clothing where you will find something new whenever you step in.

**Catskill Professional Plaza**
געשמאקע שיינע העליכע ליכטיגע באקוועמע אפיסעס אוועילעבל.
רופט היינט.
646-938-2503
39oldmonticello@gmail.com

**אפיסעס צו דינגען**
העליכע שיינע אפיסעס, גרויסע און קליינע, צו פא־רדינגען אויף מעין סטריט אין ליבערטי.
פאראינטערסירטע רופט אדער טעקסט
646-462-8189

Office to rent
1 desk to rent out in shtatel
Call
718-306-2448



# מעשיות פון תפילה

## יעקב בלייך - בני ברק:

שלום וברכה לכבוד המערכת היקרה מאוד קרית ברסלב בלעטל א גרויסן שכח פארן יעד איינציגסטע וואך וואס די בלעטל קומט ארויס, עס איז ממש מורא'דיג מורא'דיג. איך האב אפאר מעשיות פון תפילה איבערצוגעבן.

1 איך האב זייער אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין נעפיו הבחור משה וויינבערגער נרו יאיר פון בית שמש זאל א חתן ווערן, שכח אייבערשטער אז אין די טעג איז ער א חתן געווארן בשעת טובה ומצלחת.

2 איך פיר א באס אין די גאסן פון בני ברק יעדן טאג, ביים סוף טאג ווען מען דארף פארקן די באס איז זייער שווער צו טרעפן א פארקינג פארן באס, יעדן טאג בשעת'ן אהין פארן צו פארקירן דעם באס בעט איך דעם אייבערשטן איך זאל גלייך טרעפן א פארקינג, שכח אייבערשטער אז יעדן טאג עקסטער טרעף איך א פארקינג פארן באס.

## רפאל יעקב גוטמאן - בראכפעלד:

איך האב זייער שטארק געוואלט זוכה זיין מזכה זיין אידן און גיין פארשפרייטן די עצות פונעם הייליגן רבין, אבער איך האב געהאט אסאך מניעות המוח, איך האב מורא געהאט און זיך געשעמט דאס צו טון. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר ארום א יאר אהאלב כמעט יעדן טאג, איך זאל צו דעם זוכה זיין, בפרט ווען איך האב געהערט א שיעור אויף הפצה אדער געזען א בריוו פונעם ראש ישיבה וואס שרייבט וועגן הפצה האב איך גלייך געבעטן דעם אייבערשטן אויף דעם.

יעצט ווען סאיז געקומען די יארצייט פון הייליגן רבי נתן האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען גיין הפצה און וואונדער איבער וואונדער זונטאג נאכן יארצייט האב איך מיך געטראפן קלאפן ביי הייזער און געבן אידישע קינדער צו פארזוכן פונעם הייליגן רבינ'ס עצות.

ברוך השם פון דעמאלט בין איך געגאנגען יעדן טאג הפצה אויסער איין טאג וואס איך האב נישט געקענט גיין.

שכח אייבערשטער אז איך קען האבן די געוואלדיגע זכי' צו פארשפרייטן די שטויב פון די צדיקים.

**מיר האבן געטראפן אין אונזער ארכיון גאר שיינע מעשיות פון תפילה וואס איז נישט אריין אין בלעטל ביז יעצט, אבער עס איז קיינמאל נישט צו שפעט צו מפרסם זיין א מעשה פון תפילה. די מעשיות איז פון פארגאנגענעם נסיעה קיין אומאן ראש השנה.**

## אלחנן זויבערמאן - צפת:

1. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א 'אייעל' זיץ אויפן פליגער (די זיץ ביים דורכגאנג). נארמאל קען מען דאס נישט האבן אן באשטעלן פון פאראויס, ווייל אנדערע כאפן עס אויס פון פריער, אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטן. איך קום אן אין לופטפעלד, איך האב געזען אז איך בין ממש פון די ערשטע אין די שורה, איך האב זיי געבעטן א אייעל זיץ, און פלאי פלאים, זיי האבן ברוך השם געהאט אזא זיץ פאר מיר.

2. איך האב געדענקט פון א יאר פאר דעם אז די עלעוועיטאר אין בנין האט נישט געארבעט און עס איז געווען גאר שווער ארויפצושלעפן די רענצלעך, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז דאס יאר זאל עס יא ארבעטן, שכח אייבערשטער אז עס האט ברוך השם פיין געארבעט.

3. איך בין געגאנגען צום ציון און ברוך השם זיך גוט אויסגעבעטן, אויפן וועגן צוריק צום בנין בין איך געפארן מיטן שאטל, אזוי ווי עס איז געווען זייער הייס האב איך אראפגעלייגט די היט אינעם שאטל. נאכן אראפגיין פונעם שאטל האב איך מיך געכאפט אז מיין היט איז געבליבן אין שאטל, גלייך האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס נאך טרעפן, עס זאל נישט ערגעץ פארלוירן גיין, דער גוי זאל עס נישט וועקווארפן. אפאר מינוט איז איינער צוגעקומען צו מיר זאגן אז ער האט געזען מיין היט אינעם שאטל און ער האט עס גענומען און געלייגט אינעם בנין ביי יענע פענסטער אין בית המדרש.

שכח אייבערשטער פאר דיינע חסדים אויף טריט און שריט.

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת פוּן שְׁטֶעטְל.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נִישְׁט נָאךְ עֶנְק? דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ בִּין מַסִיחַ דַעַת פוּן עֶנְק? **אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת פוּן שְׁטֶעטְל**, עֶס אִיז אַ חֵלֶק פוּן מַיין לֶעבְן; טָאג אוּן נַאכְט טְרַאכְט אִיךְ פוּן עֶנְק - וָואס נָאךְ אִיךְ קֶען טוּן פַאר עֶנְק, טָאג אוּן נַאכְט בֶּעט אִיךְ פַאר עֶנְק.

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל שְׁוַואךְ; פוּנֶעם שַׁבָּת סִיוּם הַשַ"ס בִּין אִיךְ אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אָבֶּער אִיךְ וִויל קוּמֶען צוּ עֶנְק מֶער וִוי אִיר וַוארְט אוֹיף מִיר. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען קוּמֶען וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן וָואס מֶער.

דִיר בֶּעט אִיךְ דוּ זָאלְסְט אַרַיין בְּלָאזְן אַ חַיוּת אִין אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל צוּ שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת, דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן. **אַז מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן וֶוערְט מֶען גְלַייךְ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט**, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ חַיוּת אִין דִי נְשָׁמָה.

זַיי שְׁטַארְק צוּ קוּמֶען אִין כּוֹלֵל יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי לֶערְנֶען הֲלָכָה; זֶע אַז דֶער פְּלַאץ זָאל זַיין דִי ד' אַמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דָאס אִיז הֲלָכָה (בְּרָכוֹת ח.). אוֹיךְ קוּם בַּיינַאכְט צוּם דַף שִׁיעוּר.

**קוּק גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.**

**פוּן אַ בְּרֶעקֶעלֶע מִיט אַ בְּרֶעקֶעלֶע וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ט טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן וָואס דַיין מְלַמֵד הָאט עֶנְק גֶעזָאגְט, וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן שְׁנֵיי. **עֶס פַאלְט אַ בְּרֶעקֶעלֶע שְׁנֵיי אוּן נָאךְ אַ בְּרֶעקֶעלֶע שְׁנֵיי אוּן נָאךְ, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ פוּס שְׁנֵיי אָדֶער מֶער.** דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹת, מֶען טוּט אַ מִצְוָה'לֶע אוּן נָאךְ אַ מִצְוָה'לֶע אוּן נָאךְ, בִּיז מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַזַא גוּטֶע מְלַמֵד אוּן אַז דוּ לֶערְנְסְט אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## תיקון שובבי"ם
## (חלק ב')

**בַּיים רֶעדְן פוּן שׁוֹבָבִי"ם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** איך בעט דיר זייער, כאפ זיך מיט יעצט שובבי"ם צו מתקן זיין אלעס וואס מען דארף פאררעכטן, יעצט איז א צייט פון תיקון הברית.

דאס ערשטע זאך זאלסטו אנהויבן רייניגן דיינע אויגן, קוק נישט קיין עבירות, דאס מאכט נישט פריילין, עס מאכט בעצבות און מרה שחורה, אז מען איז מפקיר די אויגן איז זייער ביטער, אז מען איז מפקיר די אויגן - פארלירט מען די פרנסה. זע דיין טעלעפאן זאל זיין ריין, לייג ארויף א שטארקע פילטער, שפיל נישט אויס, נישטא וועם אויסצושפילן, קענסט זיך אליינס אויסשפילן, און דיינע קינדער וועלן אויך אויסשפילן; דו ווילסט דאך ערליכע דורות.

תשובה איז נישט פאסטן, תשובה איז נישט סיגופים, תשובה איז צוריק קומען צום אייבערשטן; תשובה איז צו זאגן פארן אייבערשטן: **"רבונו של עולם, איך הייב אן פון יעצט צו זיין אן ערליכער איד, איך הייב אן פון היינט צו גיין אין שול דאווענען, העלף מיר אייבערשטער איך זאל האבן כח זיך צו שטארקן אויף מיין יצר הרע".**

אויך זאלסטו פארציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס דו טוסט, און ווי שטארק דו ווילסט זיין אן ערליכער איד אבער עס גייט דיר נישט; פארצייל פארן אייבערשטן ווי דער יצר הרע ווארפט דיר אראפ אין נארישקייטן און דו קענסט זיך נישט קיין עצה געבן.

זיי זיך מתודה פארן אייבערשטן בפרטי פרטיות אויף אלעס וואס דו האסט געטון אין דיין לעבן; געדענק וואס דער הייליגער רמב"ם שרייבט (פרק א' מהלכות תשובה, הלכה א') **"וְכָל הַמַרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת, וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח"**, ווי מער מען איז זיך מתודה - איז מען געלויבט; ווי מער א מענטש פארציילט פארן אייבערשטן זיינע שלעכטע מעשים, ווערט ער אלץ נענטער צו די קדושה.

(מכתב א' שמות תשע"ח. ג' שמות תשפ"ג)

# א מַעֲשֶׂה פוּן א צַדִּיק



## פַארְרֶעכְט דַיין רֶעקְל

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער ז"ל הָאט פַארְצֵיילְט אַז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן. אֵיין דָאנֶערְשְׁטָאג הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַז עֶר הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט מְבַלְבֵּל גֶעוֶוען, נָאר עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְט אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁפֶּעטֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִיד פוּן אַ דֶערְנֶעבֶּענְדִיגֶע דָארְף אוּן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן אַ רוּבְּל וָואס אִיז וֶוערְד גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט קָאפִּיקֶעס. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער עֶר זָאל עֶס צֶעטֵיילְן אוֹיף קָאפִּיקֶעס, אוּן אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל גֶעבְּן פַאר פִינְף אָרִימֶעלַייט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צֶען קָאפִּיקֶעס (מִיט צֶען קָאפִּיקֶעס הָאט מֶען גֶעקֶענְט צוּשְׁטֶעלְן אַ שַׁבָּת בְּדוֹחַק), אוּן אַ הַאלְבּ רוּבְּל זָאל רֶבִּי נַחְמָן הַאלְטְן פַאר זִיךְ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי נָתָן אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז אַלֵיין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן אוּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה אוֹיסְצוּהַאלְטְן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעצוֹיגְן בַּיי זִיךְ אַפָּאר יְתוֹמִים, דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אָרִימֶעלַייט וָואס דַארְפְן צוּעֶסְן.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז אֵיינְמָאל גֶעפָארְן מִיט רֶבִּי נָתָן צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיין רֶעקְל אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ. רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעיָאגְט צוּ גֵיין צוּם צִיוּן, אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלוֹיפְן וַוייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּם צִיוּן מִיט רֶבִּי נָתָן.

אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזֶען אַז זַיין רֶעקְל אִיז צֶערִיסְן, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "זִיץ דָא בִּיז דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּנֵייעֶן דַיין רֶעקְל, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ קוּמֶען". הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין צוּנֵייעֶן נָאכְדֶעם. הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז פַארְוָואס גֵייסְטוּ צוּ אִים"? וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער.



רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיי רֶבִּי נָתָן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר הָאט צוּגֶעהָאלְפְן צוּגְרֵייטְן דֶעם שְׁטוּבּ לְכָבוֹד שַׁבָּת. אַ גַאנְצְן צַייט הָאט עֶר גֶעקוּקְט אוֹיפְן זֵייגֶער וֶוען עֶס וֶוערְט שׁוֹין דִי זְמַן אַזוֹי ווִי דִי סֵדֶר אִיז עֶרֶב שַׁבָּת.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן פִינְף מִינוּט פַארְן זְמַן הָאט עֶר שׁוֹין אַלֶעס גֶעהַאט גֶעעֶנְדִיגְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעפַארְטִיגְט פַאר שַׁבָּת אוּן עֶר הָאט נָאךְ פִינְף מִינוּט צוּם זְמַן.

הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "גְרוֹיסֶע פִינְף מִינוּט", דָאס הֵייסְט אַז פִינְף מִינוּט אִיז אַסַאךְ, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן אִין פִינְף מִינוּט אוֹיבּ מֶען נִיצְט עֶס אוֹיס ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

(ספר אילן החיים סימן קנד -קנו)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

## - ס״א -

**פָארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** : דֶער רֶבִּי צִיעֶט זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע וואוּ מְ׳נֶעמְט אִים אוֹיף זֵייעֶר שֵׁיין. צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָארְט בַּאשְׁלָאסְן צוּ מַאכְן מַחְלוֹקֶת, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטְרַאכְט אַסַאךְ פַאלְשֶׁע מַעֲשִׂיּוֹת.

* * *

טְרָאץ דִי גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, זֶענֶען דֶעמָאלְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי׳ן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אַ שְׁטֵייגֶער וִוי ר׳ יִצְחָק אַייזִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט שְׁטַארְק פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר הָאט גֶעזֶען אַז סְ׳שְׁטֵייעֶן אַסַאךְ גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן אוּן שְׁטוּפְּן זִיךְ צוּ הֶערְן תּוֹרָה, אוּן מְ׳הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם, ״זָאג דוּ תּוֹרָה פַאר אוּנְז״, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה, אוּן דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, אוּן עֶר אִיז דָאךְ אַ מֵבִין אוֹיף תּוֹרָה, דַאכְט זִיךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט אַזַא תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן וֶוער דָאס אִיז, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט נָאךְ אִים, אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וָואס סְ׳אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן אַז דִי נְשָׁמָה זָאל מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים.

דִי נְשָׁמָה אִיז גֶעוֶוען פוּן ר׳ יִצְחָק אַייזִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי״ע, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאנְדְלְט מִיט גֶעשֶׁעפְטְן אַלְס אַ וֶועקְסְלֶער, אוֹיפְצוּטוֹישְׁן גֶעלְטֶער. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים זֵייעֶר אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ צוּם דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמָשׁ וִוי אַ פְלַאם פֵייעֶר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעגֶעבְּן סְפֶּעצִיעֶלֶע הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן לוֹיט זַיין שׁוֹרֶשׁ נְשָׁמָה.

אֵיינְס פוּן דִי הַנְהָגוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן, וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר אִים דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מְקַיֵּים צוּ זַיין, אִיז גֶעוֶוען אַז פַאר אַ גַאנְצֶע יָאר זָאל עֶר נִישְׁט רֶעדְן מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קַיין אֵיין וָוארְט, אוֹיסֶער מִיטְ׳ן מַגִיד פוּן טִירְהָאוִויצֶע זי״ע.

דֶערְנָאךְ אִיז ר׳ יִצְחָק אַייזִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן, אוּן גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אַהֵיים הָאט עֶר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וֶועלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אִים בַּאפוֹילְן, אוּן פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט הָאט זַיינֶע לִיפְּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט שָׁאקְלֶען מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיף אִים גְרוֹיסֶע קְרִיגֶערֵייעֶן אוּן רְדִיפוֹת פוּן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, סְפֶּעצִיעֶל פוּן זַיין שְׁוֶוער אוּן זַיין וַוייבּ. זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט רוֹדְפְ׳ן אוּן שְׁטֶעכְן אַז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁטֶעךְ וֶוערְטֶער כְּסֵדֶר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ דִי בִּיטֶערְנִישְׁן וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ פוּן דִי פִילֶע טְשֶׁעפֶּעֵרייעֶן, אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דֶעם, הָאט דֶער רֶבִּי גְלַייךְ גֶערוּפְן אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אִים גֶעהֵייסְן עֶר זָאל שׂוֹין דִינְגֶען פַאר אִים אַ וָואגְן צוּ פָארְן קַיין טִירְהָאוִויצֶע. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט טַאקֶע גְלַייךְ גֶעשַׁאפְט אַ וָואגְן, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן, אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט בַּיינַאכְט, אוּן זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט מִיטְ׳ן וָואגְן בַּיים הוֹיז פוּנֶעם שְׁוֶוער פוּן ר׳ יִצְחָק אַייזִיק, וָואס עֶר הָאט אוֹיךְ דָארְט גֶעוואוֹינְט.



דֶער רֶבִּי הָאט אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אִין הוֹיז, אוּן וֶוען דֶער שְׁוֶוער הָאט גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אַרַיינְקוּמֶען, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט פַארְוָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים. ר׳ יִצְחָק אַייזִיק אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אִין זַיין צִימֶער אוּן הָאט גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת אוּן גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט אוּן דֶערְפַאר נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְגֵיין צוּ אִים, כְּדֵי אִים נִישְׁט צוּ שְׁטֶערְן אִינְמִיטְן קְרִיאַת שְׁמַע, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְהַאלְטְן דֶעם שְׁוֶוער פַארְוָואס עֶר טְשֶׁעפֶּעט אַזוֹיפִיל זַיין אֵיידֶעם, פַארְוָואס עֶר מַאכְט אִים אַזוֹיפִיל יִסוּרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, ״וֶוען דוּ לֵייגְסְט תְּפִלִין אִינְדֶערְפְרִי אוּן דוּ שְׁטֶעלְסְט זִיךְ דַאוֶוענֶען, אוּן עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ גוֹי וָואס הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא זַאךְ, אוּן עֶר זֶעט וִוי דוּ דְרֵייסְט אַרוֹיף אוֹיף דַיין הַאנְט הוֹיט פוּן אַ בְּהֵמָה, אוּן דוּ ווִילְסְט נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן קַיין אֵיין וָוארְט צוּ אִים, וָואלְט עֶר וֶוען נִישְׁט גֶעזָאגְט אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע?!״

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַדִיק״**

מיט א טיפער בליק

# משה נעבעך נעבעך

ישראל דוד העסקעל

די שמחה איז גרויס, די גאנצע משפחה פרייט זיך; א לעכטיגקייט איז אריין אין די גאנצע שטוב - דער אייבערשטער האט געשאנקען א נייע אינגל בעבי!

נישט סתם ביי עפעס א משפחה, נאר טאקע ביי די ריכטיגע תורה וגדולה משפחה וואס גאנץ כלל ישראל האט זיי ארויפגעקוקט. אמת'ע שיינע אידן, פון אלע זייטן געזונטע יחסנים, די שמחה איז געווען גרויס.

אבער דאס קינד האט זיין לעבן אנגעהויבן גראד מיט שווערע טראומא... עס האט זיך אנגעהויבן מיט די לינקע פוס ווען די רעגירונג האט עפעס אנגעהויבן אריינמישן אין דאס קינד'ס ערציאונג, ס'איז זיי עפעס נישט געפאלן, און זיי האבן זיך פארלייגט אן א שיעור.

ביז זיי האבן דאס קינד לא עלינו צוגענומען. צום ערשט האבן זיי נאך געלאזט די משפחה האבן צוטריט צום קינד מיט געציילטע שעות פון וויזיטעישאן פאר די מאמע, אבער אזוי



ווי דאס קינד איז עלטער געווארן האט די רשעות'דיגע רעגירונג פראסט און פשוט צוגענומען דאס קינד אן לאזן די עלטערן האבן צוטריט בכלל צום קינד.

ווען דאס קינד איז געווארן צוויי יאר אלט האבן די באאמטע מיט די מענטשן רעכטן גרופעס - וואס ביי זיי האט א טשיקן מער רעכט און ווערד ווי א מענטש - מחליט געווען אז 'פאר די טובה פונעם קינד' וועט מען אים פלאצירן ביי א נישט אידישע משפחה היל"ת!

די צער פון די עלטערן און די גאנצע משפחה איז געווען אומבאגרייפליך, מ'האט פרובירט אריינצומישן עסקנים, מ'האט זיך געווענדן צו ארגאניזאציעס, ארומגעלאפן פון מעבל צו רעבל, געזוכט איינער וואס זאל זיי קענען העלפן. אבער ליידער האבן אלע געהויבן הענט - נישט




דא וואס צו טון האבן זיי געזאגט!

עס איז געבליבן איין זאך, דאס איז תפילה, עס איז נישט געווען וואס נאך צו טון. די צובראכענע עלטערן זענען יעדן טאג געזעסן און געוויינט צום אייבערשטן אז זייער קינד זאל זיך אומקערן.

דער ראש ישיבה פארציילט אז מוהרא"ש פלעגט דערציילן די מעשה וואס איז געווען ביים הייליגן חפץ חיים זי"ע אז איינמאל איז צו אים געקומען א איד און געבעטן ער וויל א ברכה אויף ערליכע קינדער.

דער חפץ חיים קוקט אן דעם איד און פרעגט אים "וואס מיינסטו? גוטע קינדער קלויבט מען אראפ פון בוים?"

דערביי האט דער חפץ חיים ארויסגענומען זיין מאמע'ס תהילים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון טרערן און וויזט דאס פאר דעם איד און זאגט אים "דאס איז מיין מאמעס תהילים, אזוי האט מען גוטע קינדער, אז מ'וויינט יעדן טאג צום אייבערשטן און מ'הערט נישט אויף בעטן דעם אייבערשטן זוכה זיין צו האבן ערליכע דורות".

דערווייל איז דאס קינד געווען דארט ביי די נישט אידישע משפחה וואו מען האט אים ליידער געגעבן א נישט אידיש נאמען און א נישט אידישע ערציאונג.

אין חדר איז ער נישט געגאנגען, אויך נישט אין ישיבה. אזוי איז ער נעבעך עלטער געווארן אן האבן ליידער דאס מינדסטע שייכות מיט אידישקייט.

אויפוואקסנדיג ווען ער איז שוין געווארן אן עטוואס עלטערער קינד/בחור האט ער זיך עפעס פארטשעפעט מיט די רעגירונג און ער האט געמוזט אנטלויפן פון שטוב און אנטרינען צו א פרעמדע לאנד.

איר קענט אייך מסתמא פארשטעלן ווי אזוי דאס קינד האט אויסגעקוקט, עס איז נישט אריבער אויף אים א גוטן טאג אין זיין לעבן, נע ונד פון אלס קינד גראד שוין ביים געבוירן ווערן, זיך נישט אויפגעהערט צו וואלגערן נעבעך, און יעצט טרעפט ער זיך מיט א פרישע צרה - אנטלויפן צו א פרעמדע לאנד!

פארשטייט זיך אז אלע רעגירונגס אגענטורן זענען גראד פארמישט געווארן אין קעיס פון דעם אינגן קרימינאל וואס האט באוויזן צו אויסמיידן גערעכטיגקייט און אנטלויפן פון לאנד. אלע פאליציי אפיסעס זענען גראד אינפארמירט געווארן איבער דעם בחור וואס געפונט זיך נאך אויף די פריי און האט באוויזן צו אנטלויפן, יעדער איז איינגעשפאנט אים צו כאפן.

אלע פרואוון אים צו טרעפן און כאפן זענען אבער דורכגעפאלן... הילד איננו. מ'האט איבערגעקערט יעדן שטיינדל, אבער דער בחור איז נישט צום געפונען, ער איז אנטלאפן אן איבערלאזן סיי וואספארא שפירן נאך זיך.

אבער דאס מזל האט זיך אים נישט אזוי שנעל געטוישט, אזוי ווי ער איז אנגעקומען צו די נייע לאנד וואו ער איז אנטלאפן האט ער זיך גראד אנגעהאנקערט מיט די ארטיגע ביזנעס לייט, און געפערליכע חברה. ס'האט נישט אויסגעזען אז צו זיינע צרות גייען קומען א סוף...





און טאקע דאס קינד איז אויסגעוואקסן מושיען של ישראל 'משה רבינו'!

יא מ'האט אים טאקע געגעבן א נאמען נישט פון זיין שטוב, ער איז אויפגעוואקסן ביי פרעה אין פאלאץ, און שפעטער האט פרעה געלייגט אויף אים די גזירה אז מ'מוז אים הרג'ענען.

אנטלאפן און אנגעקומען צום כומר אין שטוב אריין, דארט האט ער ווייטער קיין האניג נישט געלעקט, פון אים וועט שוין גארנישט ארויסקומען - טראכט א מענטש, אזוי פיל טראומא איז ער אריבער אין לעבן...

ווען מ'פלעגט נאר פון אים רעדן פלעגט מען זאגן משה נעבעך נעבעך... זיינע עלטערן זענען טאקע נישט שולדיג... אבער...

אבער ווער פירט אויס?

דער אייבערשטער פירט אויס!

נישט קיין חילוק וואס איז אויף דיר אריבער, דיין שווערע עבר, דיינע עלטערן וואס דו ביסט אויף זיי פארביטערט, מ'האט דיך גערוד'פט און געפייניגט, ביסט געפלויגן פון ישיבה פאר גארנישט און פאר נישט... עס איז אריבער אויף דיר פון אלע זייטן, יעדער טרעפט זיך ערגעץ אנדערש אבער צום סוף וועט דער אייבערשטער אויספירן.

דער אייבערשטער האט זיין וועג ווי אזוי ער פירט די וועלט און דאס איז פון אונז פארהוילן מיר זעען גארנישט און ווייסן גארנישט. אבער אז מ'דערהאלט זיך וועט מען צום סוף זען שיינע זאכן ווי דער אייבערשטער פירט דער וועלט.

דער עיקר איז זיך נישט לאזן צובראכן און צופאלן ווערן פון זאכן וואס גייען אריבער אין לעבן, נאר זיך כסדר מחזק זיין. בפרט מיר וואס מיר זענען זוכה צו לעבן אין גן עדן התחתון אין היכל הקודש וואו דער ראש ישיבה געבט אונז איבער אזעלכע זיסע עצות ווי אזוי זיך צו דערהאלטן אין אלע שווערע מצבים וואס גייען אריבער.

צום סוף פירט דער אייבערשטער אויס!

מיר דארפן זיך נאר מחזק זיין און געדענקען אז יש מנהיג לבירה, די וועלט פירט זיך נישט פון זיך אליין, ס'איז דא א באשעפער וואס טוט נאר גוט און האט א קלארע חשבון און א קלארע פלאן אפילו דו זעסט נישט און דו פארשטייסט נישט.

וואויל איז אונז אז מיר זענען מקושר צום צדיק וואס ווייזט אונז א וועג ווי אזוי צו לעבן נישט צו ווערן צופאלן און צובראכן פון מצבים נאר כסדר זיך שטארקן מיט אמונה און גיין שרייען צום אייבערשטן ווען עס גייט אריבער א שוועריקייט.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# COVERAGE FOR ALL YOUR NEEDS.

## Protecting your family and your property is our top priority.

We are proud to offer diverse and affordable products to help you better protect your family and your property. Let us help you today!











## Protection that matters

- Travel Insurance
- Bop Programs
- Casualty
- Commercial Auto Liability & Garage
- Commercial
- Environmental Liability
- Excess/ Umbrella
- Marine & Inland Marine
- Personal Lines
- Professional Liability
- Property
- Workers' Compensation

Salz & Associates LLC

212-725-9467
212-SALZ INS
esalz@salzandassociates.com
salzandassociates.com



## וואונדערליך:

# חתונה געמאכט פאר די נישטיגע סומע פון $13,000

הערט פון מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו וואס האט חתונה געמאכט אין בית המדרש זיין עלטסטע טאכטער פאר בחנם ממש





צום אנהייב פונעם אינטערוויו, ווילן מיר ערשט דיר ווארעם אנווינטשן צו די ערשטע קינד'ס חתונה, דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א גוטער אנהייב, און זאלסט זען תענוג ונחת פון אלע קינדער און בקרוב ביי די אייניקלעך, עד סוף כל הדורות.

אמן, אם ירצה השם ביי ענק אלע אויף שמחות געזונטערהייט. צום אנהייב פונעם שמועס וואלט איך געוואלט אויסשמועסן איין וויכטיגע זאך, די אלע זאכן וואס מען גייט דא איבערגיין און ארויסברענגען די עצות און טריקס וויאזוי מען קען חתונה מאכן פאר גאר ביליג, איז וויכטיג צו וויסן אז די ערשטע און לעצטע עצה איז 'תפילה' דאס איז די בעסטע עצה וויאזוי מען קען צוקומען צו חתונה מאכן ביליג אן קיין איבעריגע הוצאות, און דאס איז א זאך וואס יעדער קען נאכמאכן און אויספראבירן, אויף יעדע טריט האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל קענען באוויזן צו חתונה מאכן רואיגערהייט אן קיין איבעריגע הוצאות און אן קיין קאפווי.

**דאס איז טאקע ריכטיג און וויכטיג צו וויסן. יעצט לאמיר אריינגיין אינעם שמועס, און אביסל איבערגיין געוויסע איינצעלהייטן כדי דער עולם זאל פארשטיין וויאזוי מען קען טאקע חתונה מאכן פאר אזוי ביליג.**

**אונזער ערשטע שאלה איז; וואס זענען געווען די ערשטע הוצאות גלייך ביים שידוך שליסן?**

ביי מיר האט זיך אויסגעשטעלט אז די ערשטע הוצאה איז געווען די דור ישרים טעסט. איך האב געמאכט א rush טעסט וואס דאס קאסט אביסל מער, איך האב געצאלט $120 פאר א טעקסי און $650 פאר די טעסט (וויכטיג צו באטאנען אז מיר נעמען נישט דא קיין שטעלונג אויב מען דארף יא אדער נישט נעמען דעם טעסט).

**לאמיר רעדן בנוגע די מתנות פארן חתן, וואס האט דיר געקאסט די מתנות פון אנהייב ביזן סוף?**

איך האב געגעבן בסך הכל צוויי מתנות - א בעכער און א זייגער. די בעכער האב איך געקויפט א זילבערנע פאר $860 און די זייגער פאר $170.

**וואס??? האסט נאר געקויפט צוויי מתנות? וואס איז מיט די אלע מתנות וואס מען גיבט געווענליך פאר א חתן, למשל א מנורה, א סעט מחזורים, אתרוג פושקע, א היסב סעט, א ש"ס?**



לאמיר איבערגיין יעדע זאך עקסטער; א מנורה האב איך נישט געקויפט, ווייל ער וועט לכאורה ניצן דאס וואס ער האט געניצט אלס בחור, במילא האט דאס נישט אויסגעפעלט צו קויפן.
בנוגע א סעט מחזורים; יום טוב שבועות און סוכות ניצן רוב מענטשן די סידור פון שול וואס דארט שטייט אלעס וואס מען דארף דאווענען און ליינען, נאר ראש השנה און יום כיפור ניצט מען

א מחזור; א מחזור ראש השנה איז דא אין אומאן בילדינג גענוג און נאך, און א יום כיפור מחזור וועט ער ניצן דאס וואס ער האט געניצט אלס בחור, אדער וועט אים זיין ווייב קויפן נאך די חתונה א שיינע מתנה 'א מחזור יום כיפור'.

א היסב סעט וועט ער נישט דארפן ביז ער וועט אליין מאכן א סדר, און דעמאלט וועט שוין לאנג נישט זיין אין סטייל דאס וואס איך וואלט אים יעצט געקויפט.

א ש"ס וואלט איך געוואלט קויפן א ש"ס מנוקד, אבער למעשה איז נאכנישט דא א גאנצע סעט פון דעם, איז במילא וועט דער חתן מוזן קויפן א איינצלנע גמרא ווען ער קומט אן צו די מסכתא ווי ער האלט.

בנוגע א אתרוג פושקע וויל איך דיר פארציילן א אינטערסאנטע מעשה; איך פלעג ניצן יעדעס יאר די פאפירענע פושקע וואס די אתרוג סוחר גיט בשעת'ן קויפן דעם אתרוג, דאס יאר האב איך געוואלט ניצן די טייערע אתרוג פושקע וואס איך האב באקומען אלס חתן, אבער אזוי ווי די אתרוג האט עפעס נישט גוט אריינגעפיט אינעם אתרוג פושקע האט זיך אראפגעבראכן די פיטום....

א זילבערנע אויל לייכטער האט מיין חשובער שווער און שוויגער זאל זיין געזונט געקויפט א מתנה פאר די חתן כלה. און א טאץ האבן איינע פון די באבעס געקויפט.

**געוועגליך ווען מען מאכט חתונה א קינד קאסט גאר אסאך געלט צו אויסשטאפירן די חתן כלה דירה, ווי למשל פורינטשער, אפלייענסעס, כלים, בעט געוואנט וכדומה, לויט ווי איך זע די סך הכל הוצאות איז ממש א נישטיגע פרייז, וויאזוי קען מען אויסשטאפירן א דירה מיט אזא נידריגע נומבער?**

איך האב גענומען א פורנישד דירה וואס איז שוין אויסשטאפירט מיט אפלייענסעס, ווי למשל א אויוון, בעטן, טיש און בענקלעך וכדומה, במילא האט מיר דאס ממש נישט געקאסט קיין סאך געלט.

**וואס איז מיט די נאכט פון די חתונה?**

ברוך השם אז איך האב געהאט די זכי' צו חתונה מאכן אין בית המדרש, וואס דער ראש ישיבה גיבט דעם פלאץ פאר גענצליך אומזיסט, עס קאסט נישט קיין איין דאלער פאר די מחותנים, מען קומט צו די חתונה ממש ווי א מחותן... דא איז טאקע די פלאץ ארויסצוברענגען א גרויסן דאנק פארן ראש ישיבה שליט"א וואס שטעלט דאס צו פאר אונז, אפילו ווען למעשה קאסט דאס געלט יעדע חתונה עקסטער צוצושטעלן די עסן, פעיפער גודס וכדומה, דאך שטעלט מען עס צו פאר אונז מיטן גאנצן געשמאק, וואס אזוי שפארט מען גאר אסאך געלט און איבעריגע קאפווייי פון ביידע מחותנים.

עקסטער דארף ווערן ארויסגעברענגט די געשמאק פון אנהייבן פרי און ענדיגן די חתונה אין צייט, וואס ווי מען הערט פון די משפחות האבן זיי גאר שטארק הנאה דערפון אז זיי קענען דעם קומענדיגן טאג געהעריג אנגיין מיטן סדר היום.

**וואס איז מיט שבע ברכות הוצאות?**

אינדערוואכן האבן געמאכט די משפחות פון ביידע זייטן, איינס איז געווען ביים שיעור ליל שישי אין שטעטל. שבת זענען געקומען נאר די

**"ברוך השם אז איך האב געהאט די זכי' צו חתונה מאכן אין בית המדרש"**



מחותן, די ביידע, און איין שוואגער, עס איז געווען פונקט מנין מיטן אריבערריפן דריי שכנים צום בענטשן. נאך די סעודה זענען אנשי שלומינו שכנים און באקאנטע אריבערגעקומען זיך מיטפרייען מיט די שמחה, און זיי האבן זיך אויסגעדרוקט אז עס שפירט זיך זייער פרייליך און געשמאק צו מאכן די שבת שבע ברכות אינדערהיים.

**אויב מאכט מען די שבת שבע ברכות אינדערהיים, וויאזוי גיבט מען זיך אן עצה מיט סערווירן די מאכלים במשך די סעודה, און אזוי אויך די אראפרוימען נאכן סעודה?**

דער ראש ישיבה האט מיר געהאט געפרעגט וואו איך מאך שבת שבע ברכות, האב איך אים געזאגט אז איך מאך עס אינדערהיים, אבער עס וועט זיין אביסל שווער מיט דארפן סערווירן ביי די סעודה, האט דער ראש ישיבה געזאגט איך וועל דיר שיקן א בחור צו העלפן. וכך הוה, א חשובער תלמיד הישיבה האט געהאלפן א גאנץ שבת סערווירן און אראפרוימען, נאך שבת האב איך אים געגעבן א שיינעם טיפ פארן העלפן. דא איז וויכטיג צו באטאנען די ארבעט וואס דער ראש ישיבה לייגט אריין אין די תלמידים אז זיי זאלן אויסוואקסן געזונט צו זיין גרייט צו חתונה האבן און קענען פירן א שטוב נאך די חתונה, און זיין גרייט צו העלפן אינדערהיים ווען עס פעלט זיך נאר אויס. איינער האט זיך דערנאך אויסגעדרוקט אז מיט א גוי וואלט עס נישט אזוי געקלאפט וויבאלד ער ווייסט נישט פונקטליך וויאזוי אנצוגרייטן א אידישע שבת'דיגע סעודה.

**אויב איר קענט ארויסגעבן א ליסטע**

„א חשובער תלמיד הישיבה האט געהאלפן א גאנץ שבת סערווירן"



| | |
|---|---|
| Rush דור ישרים + Car | $ 770 |
| שדכן | 1,050 |
| [illegible] | 165 |
| [illegible] | 170 |
| [illegible] | 860 |
| Wal-Mart / Chuppah - Houseware... | 1,128 |
| [illegible] Coats, Drygoods... | 3,225 |
| [illegible] | 740 |
| Course + Forms [illegible] | 400 |
| [illegible] Gown + Cleaners + Messenger | 230 |
| Crown + Headpeice | 1,050 |
| [illegible] Gown | 70 |
| [illegible] | 312 |
| [illegible] | 700 |
| Glaubers | 450 |
| [illegible] | 500 |
| Grocery Order | 210 |
| [illegible] | 403 |
| [illegible] | 643 |
| | $ 13,076 |

סך הכל הוצאות וואס ס'האט געקאסט אלע הוצאות פון אנהייב ביזן סוף

**פון די סך הכל הוצאות וואס ס'האט געקאסט אלע הוצאות פון אנהייב ביזן סוף?**

**יעצט אז דו האלטסט שוין נאכן חתונה מאכן, וואלט איך געוואלט וויסן וויאזוי דו קוקסט אן דאס אז מען מאכט חתונה אין בית המדרש אויף א פשוטע אופן.**

ברוך השם אז איך האלט שוין יעצט נאכן חתונה מאכן די ערשטע קינד, פאר די חתונה האב איך געטראכט אז עס גייט זיין זייער שווער פאר מיר ווייל איך גלייך אז די מענטשן וואס קומען צו מיין שמחה זאלן זיין צופרידן, אבער צום סוף האב איך געזען אז די געסט זענען ברוך השם געווען זייער צופרידן (על כל פנים מיך האט מען נישט געגעבן קיין קריטיק).

**וואס זענען געווען די קאמענטארן פון מענטשן בנוגע חתונה מאכן אין בית המדרש און בנוגע חתונה מאכן ביליג בנוסח היכל הקודש?**

איינער האט מיר געזאגט אז יעדער וואס איז דארט געווען האט געוואלט דארט זיין ביי דעם שמחה, דאס הייסט אז אסאך מאל גייט מען צו חתונות און מען שפירט אז די מענטשן ביים שמחה ווילן נישט עכט דארט זיין, זיי קומען נאר ווייל זיי מוזן, זיי טוען א טובה, אבער דא קומט מען ווייל מען וויל דא זיין און מיטהאלטן די שמחה.

איינער האט מיר געזאגט עס האט זיך געשפירט ווי א חתונה אינדערהיים, ווי איין משפחה, אלע זענען א חלק פון די שמחה.

אויך האט מיר איינער געזאגט אז דא

זעט מען דער ראש ישיבה מאכט חתונה אויף דעם זעלבן וועג וויאזוי ער זאגט פאר די תלמידים זאלן טון, אין ענגליש זאגט מען practice what you preach.

**וויאזוי איז געווען ביי די פרויען זייט?**

נישט אלעס איז געווען פינקטליך ווי אזוי עס האט געשמעקט, ווייל נאך אלעם האט מען ליב אז עס איז דא שיינע טישטיכער וכדומה, אויך איז דא געוויסע וואס האבן ליב אז מען סערווירט די עסן, אבער עס איז זיכער אסאך גרינגער ווי דארפן בארגן פון אלע שוואגערס און קאזינס און אזוי ווייטער. אזוי אויך האט די מאן נישט קיין חובות פון 100 טויזענט דאלער און די קומענדיגע יאר נאך 100 טויזענט דאלער פון די אנדערע קינדער.

**אסאך מענטשן זאגן ווען עס קומט צו חתונה מאכן, אז זיי מוזן אויסגעבן געלט ווייל די שטוב פאדערט עס, וויאזוי האסטו יא געקענט חתונה מאכן אזוי ביליג און נישט געהאט דעם פראבלעם וואס אלע האבן ביים חתונה מאכן?**

ברוך השם אז ביי מיר אין שטוב הערט מען אויס אלע שיעורים פונעם ראש ישיבה וואס רעדט גאר אסאך פון נישט אויסגעבן געלט אויף מותרות און ספענדן אויף איבעריגע זאכן וכדומה. בפרט ווען עס איז זאכן וואס איז נאר פאר איין נאכט, במילא איז דאס געווען גאר גרינג פאר מיר ווייל זיי האבן פשוט נישט געדארפט טייערע זאכן. אבער נישט מען זאל מיינען אז מיין טאכטער האט נישט באקומען וואס מען דארף, נאר מען האט פשוט געזוכט עס זאל נישט קאסטן טייער, מען איז געגאנגען

> ”נאך אלעם האט מען ליב אז עס איז דא שיינע טישטיכער וכדומה“



צו סטארס וואס האבן א סעיל וכדומה.

**וואס וואלסטו געזאגט צו דיינע חברים און גוטע פריינד וואס קוקן צו פונדערזייט די וועג וויאזוי דו האסט יעצט חתונה געמאכט און זיי ווילן דאס אויך נאכמאכן, איז עס א זאך וואס קען ארבעטן אויך פאר זיי?**

אויב אין שטוב הערט מען אויס דעם ראש ישיבה איז פשוט אז ער קען עס נאכמאכן, ער דארף פשוט פאלגן וואס דער ראש ישיבה זאגט און לערנט אויס. איינער פון מיינע קרובים האבן געזאגט אז ביי די מענער האלטן 99 פראצענט אז מען דארף אזוי חתונה מאכן, און ביי די פרויען האלטן 99 פראצענט אז מען קען נישט אזוי חתונה מאכן....

דאס ברענגט גוט ארויס די נקודה וואס מען רעדט דא, אז כדי צו קענען חתונה מאכן ביליג אויף א פשוטע אופן דארף מען קודם זיין מיט די ווייב אויפן זעלבן דף, נישט אז ער זאל וויסן ביי זיך אז מען קען נישט ספענדן און די ווייב ווייסט נישט דערפון.

אויב אין שטוב הערט מען נאכנישט אויס דעם ראש ישיבה, דארף דער מאן רעדן אינדערהיים דערפון נאך פאר עס קומט די עצם שמחה, אז מיר ווילן לעבן אויף א פשוטע סטאנדארט און פארשטייט זיך אז מען דארף באמת אזוי לעבן, און זיין א ביישפיל פאר די ווייב און די קינדער. live within your means

פארשטייט זיך אז דער מחותן פון די אנדערע זייט דארף מיטארבעטן מיט דיינע פלענער, וואס דאס מאכט אויך אסאך מאל אז מען זאל נישט קענען חתונה מאכן פשוט און ביליג.

דער ראש ישיבה זאגט ביי די דרשות אז געבן פאר א קינד א מתנה א קליין קענדי קען נאר ארבעטן ווען מען געט שטענדיג אזעלכע קליינע מתנות, אבער ווען דו גיבסט שטענדיג גרויסע מתנות וועט א קענדי קיינמאל נישט זיין קיין מתנה פארן קינד, די זעלבע זאך איז דא; אויב לעבט מען מיט מותרות א גאנץ יאר און מען רעדט נישט פון די נארישקייט פון ספענדן פאר איבעריגע הוצאות בשעת א שמחה, מען לאכט נישט אפ פון די עכטע בלומען, און פון די עכטע בענד ביי א שמחה און אזוי ווייטער, וועסטו נישט קענען בשעת די שמחה זאגן אז מיר גייען נישט האבן די אלע זאכן, עס ארבעט נישט אזוי.

שמועס'נדיג מיט א עסקן האט ער מיר געזאגט עס פלעגט זיין אז ביים ערשטן קינד האבן נאך מענטשן אוועקגעלייגט געלט צו קענען חתונה מאכן, ביים צווייטן בארגט מען פון גמ"ח'ן און ביים דריטן שנארט מען שוין, אבער היינט דארף מען שוין ליידער צאמשטעלן און שנארן ביים ערשטן קינד.

**צום שלוס וואס קענסטו זאגן א ווארט ווענגן דעם וואס מען זעט אויסגעגאסן א געוואלדיגע רואיגקייט אויף א מחותן דא אין היכל הקודש, בשעת ווען מען ווייסט אז עס איז דא אזויפיל דעטאלן צו ערלעדיגן פאר און בשעת די חתונה?**

דאס קומט פון דעם ווייל מען דארף נישט זיין פארנומען מיט אזוי סאך דעטאלן ווי ווען מען מאכט חתונה טייער. איך פרעג אסאך מאל מחותנים וויפיל עס קאסט זיי חתונה מאכן, איינער האט מיר געזאגט אז ער האט נאכנישט געטון א שידוך מיט זיין קומענדיגע קינד ווייל ער קען נישט נעמען די פרעשור פון חתונה מאכן, דאס הייסט אז בעצם מיט געלט וואלט ער נישט געהאט קיין פראבלעם, אבער די לחץ וואס חתונה מאכן ברענגט מיט דאס קען ער נישט נעמען. דא אין היכל הקודש איז ברוך השם נישט דא די פרעשור, ווייל אלעס גייט אויף א פשוטע אופן, און די נאכט פון די חתונה דארף מען אויך נישט צופיל זאכן קויפן ווייל מען מאכט חתונה אין ישיבה, למשל מאכן די האר פון די קינדער - טאקע ווייל די חתונה איז אין שול מאכט מען נישט די האר ביי א טייערע האר מאכער. אזוי אויך איז דא איינער וואס מאכט די בילדער אומזיסט, די האר אומזיסט, במילא פאלט אוועק גאר אסאך פרעשור. אזוי אויך ביי די באווארפן, שבע ברכות און אזוי ווייטער אלעס ווערט געמאכט אויף א פשוטע וועג אן רופן אסאך מענטשן, איז אטאמאטיש נישט דא קיין איבעריגע פרעשור, וואס דאס איז גורם אז מען זאל קענען טראכטן און זיך מתבונן זיין בשעת די שמחה אין די חסדים וואס דער אייבערשטער טוט אז מען האט די זכי' מען קען פירן א קינד אינטער די חופה בשעה טובה ומצלחת.

**א גרויסן שכח פארן אראפגעבן פון דיין טייערע צייט צו איבערגעבן פאר די חשובע ליינער, אלע דעטאלן וויאזוי מען קען חתונה מאכן אזוי ביליג און פשוט, און האבן די ישוב הדעת בשעת'ן שמחה. דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זען אסאך אידיש נחת, און זאלסט קענען ווייטער אויף דעם חתונה מאכן אלע קינדער געזונטערהייט.**

**אמן.**

”
# אין היכל הקודש איז ברוך השם נישט דא די פרעשור
“



# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש אינדערפרי

~

פרשת ויגש תשפ״ד



**המגיד שיעור הרב יוסף שניטצלער שליט״א געבט איבער א סעודה מיטן ראש ישיבה פרשת ויגש תשפ״ד:**

שבח אייבערשטער איך האב געהאט די זכי׳ צו עסן א סעודה ביים ראש ישיבה שליט״א, איך וועל מיטטיילן מיט די קרית ברסלב בלעטל ליינער געציילטע פונקטן וואס איך האב ארויסגענומען פונעם אינהאלטסרייכן שבת סעודה.

## מיין קאווע בין איך אויך פארשלאפן

ערב שבת פרשת ויגש איז געווען עשרה בטבת, נאך מעריב האט דער ראש ישיבה אויסגערופן אין בית מדרש אז ווער עס וויל אויפאסטן אויף א קאווע זאל אכטונג געבן נישט צו טרינקען די קאווע נאכן זיך וואשן צום סעודה נאר עס טרינקען נאך קידוש פארן זיך וואשן, ווייל מען טאר נישט עסן מילכיג און פליישיג אין איין סעודה, אפגעזען ווי פיל צייט עס איז דא אינצווישן.

א אינגערמאן האט דערציילט פארן ראש ישיבה אז ער האט זייער שטארק געוואלט אויפשטיין אינדערפרי פארן עלות צו קענען טרינקען א קאווע, אבער ער איז פארשלאפן... האט דער ראש ישיבה געזאגט: ״דאס וועט דיר זיין א זכות אויבן אין הימל, ווען מען וועט דיר אפיר נעמען און פרעגן: ״וואס איז פשט דארט האסטו פארשלאפן א שחרית, דארט האסטו פארשלאפן א קריעת שמע?״ וועסטו קענען ענטפערן: ״מיין קאווע בין איך אויך פארשלאפן!״...

## היינט זע איך אז דאס איז שענער

אויפן וועג אהיים האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די שיינקייט ווען א פרוי גייט אנגעטון איידל, מיט א טיכל, דער ראש ישיבה האט געפרעגט א אינגערמאן: ״דו ביסט ברוגז אויף מיר אז איך האב דיר איבערגערעדט אלס בחור צו אנגיין אויף א שידוך מיט א טיכל? ווען יענער האט געזאגט אדרבה שבח, איך בין זייער פרייליך און צופרידן, היינט זע איך אז דאס איז שענער. האט דער ראש

ישיבה געפערגט וויאזוי קען עס זיין, ביי איינעם איז עס ממש אן אפקומעניש, און ביי איינעם איז עס די שענסטע זאך!

נאכדעם האט מען געטיילט גרעיפ דזשוס פאר יעדן.

נאכדעם האט מען זיך געוואשן, דער

**א מאמע האט ליב דאס קינד אפילו ווען דאס קינד ברעכט און פארשמידט זיך!**

ראש ישיבה האט געווארט זיין ווייב זאל זיך וואשן, און בשעת מעשה האט דער ראש ישיבה זיך אונטערגעזינגען א פרייליכע ניגון אָן ווערטער, ס'איז געווען געשמאק צו זען ווי דער ראש ישיבה ווארט פרייליכערהייט נישט נערוועזערהייט.

## ארויפלייגן אויפן וואגשאל

ווען מ'איז אנגעקומען צום בנין וואו דער ראש ישיבה וואוינט האט מען אנגעהויבן ארויפגיין די טרעפ (דער ראש ישיבה וואוינט אויף די זיבעטע שטאק), און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין זון יוסף: "יוסף, זאג פאר רבי שניטצלער וואס מ'גייט טון מיט די סטעפס אויבן", און יוסף האט פארציילט: "מ'גייט ארויפקומען אויבן אין הימל, און מ'גייט ארויפלייגן אלע מצוות און עבירות אויפן וואגשאל, און ס'גייט זיין זייער ביטער, וועל איך זאגן מ'זאל ברענגען די זיבן שטאק טרעפ וואס איך בין ארויפגעגאנגען יעדן שבת אנשטאט גיין מיטן עלעוועיטער, עפעס וועט עס אויסמאכן!"

## פארוואס האט דער רבי נישט געלאזט רייכערן?

דער ראש ישיבה איז אנגעקומען אהיים און באגריסט א פרייליכן: "גוט שבת", די טיש איז געווען שיין געדעקט, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן זינגען זמירות מיט א מורא'דיגע פרייליכקייט.

נאך קידוש האט דער ראש ישיבה זיך אראפגעזעצט אויספאסטן אויף א קאווע, דער ראש ישיבה האט אכטונג געגעבן נישט אראפצולייגן די קאווע אויפן טיש וואס מען גייט עסן פליישיג דערויף.

דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט אויב איך דארף א קאווע, איך האב געענטפערט אז איך גלייך נישט קיין קאווע, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דו ביסט אן אויסגעלייזטע מענטש! ווייל על פי רוב איינער וואס גלייבט קאווע ווערט נאכדעם אזוי צוגעבינדן דערצו אז ער קען שוין ממש נישט אנגיין אן דעם.

דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס דער רבי האט נישט געוואלט מיר זאלן רייכערן, ווייל מען ווערט צוגעבינדן צו דעם און אז מען האט דאס נישט קען מען נישט אנגיין ביז מען באקומט עס און מען דארף מבטל זיין אסאך תורה ותפילה.

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט אויב איך ווייס נאך א סיבה פארוואס דער רבי האט נישט געלאזט רייכערן? (ווען כ'האב געשאקלט מיין קאפ אויף 'יא', האט דער ראש ישיבה געזאגט שאקל נישט מיטן קאפ ווי צו זאגן אז דו ווייסט, בשעת ווען דו ווייסט נישט, זאג אז דו ווילסט הערן) ווייל נאכדעם וועט מען צוקומען אריינצוגיין אין א גוי'שע הויז צו נעמען פייער, און איינמאל מען גייט שוין אריין אין א גוי'שע הויז איז שוין זייער ביטער, מען קען צוקומען צו גילוי עריות רחמנא לצלן.



## גייסט אהיים מיט א חידוש

דער ראש ישיבה האט געמאכט א 'על המחיה', נאכדעם האט דער ראש ישיבה מיר געפרעגט: "דו ווייסט וואו דער הייליגער סאטמאר'ע רבי פלעגט זאגן 'רצה' ביי 'על המחיה'? נישט דארט וואס עס שטייט אין סידור, נאר אזוי ווי ביי ברכת המזון, פאר 'ובנה'.

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: יעצט האט זיך שוין געלוינט צו קומען צו די סעודה גייסטו אהיים מיט א חידוש - א נייע זאך.

## אוי די בעבי ברעכט

דער ראש ישיבה'ס טאכטער האט געהאלט די קליינע בעבי, און זי האט זיך

געטשעפעשט מיט איר און אויסגעלויבט ווי קיוט (זיס) זי איז, פלוצלינג רופט זי זיך אן: "אוי, זי ברעכט! זי ברעכט!" האט דער ראש ישיבה איר געזאגט: "דאס איז די חילוק פון א שוועסטער און א מאמע, א שוועסטער האט נאר ליב די בעבי ווען זי איז קיוט, א מאמע האט ליב דאס קינד אפילו ווען דאס קינד ברעכט און פארשמירט זיך".

## איז עס שיין אדער פארקערט?

נאך די פיש האט דער ראש ישיבה מיך געפרעגט: "דו לערנסט נאך עצתו אמונה?" איך האב געענטפערט אז יא, און דער ראש ישיבה האט מיך געפרעגט וואס איך האב געזען דארט, איך האב געענטפערט אז די בריוו פאר דעם אינגערמאן וואס זיין ווייב וויל ער זאל זיך מאכן א סקווער בעק האט מיך זייער געבאפט, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דאס איז די זעלבע זאך וואס מיר האבן געשמועסט פריער, ווי קען זיין איינער עקעלט זיך פון א טיכל און ביים צווייטן איז דאס די שענסטע זאך? אזוי אויך איז מיט א סקווער בעק, אינטערסאנט ביי איינעם איז דאס שיין, און ביי איינעם איז עס ממש א עקעלדיגע זאך, עס מוז זיין עס האט צוטון מיט קדושה און פארקערט.

## אז מען האט נישט קיין געלט לאכט מען זיך אויס

נאכדעם האב איך דערמאנט די בריוו ווי איינער פרעגט אז ער האט געזען א בריוו פון דער ראש ישיבה אז אויב מען האט נישט קיין געלט זאל מען זיך אויסלאכן, און ער פרעגט ווי אזוי לאכט מען זיך אויס, האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "אז מען האט נישט קיין געלט לאכט מען זיך אויס, מען טראכט אז מען האט עס אינוועסטירט, עס איז אלעס אין די מח".

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינער פון די אנוועזנדע: "איך און דו צאלן ביידע מארגעדיש אינעם זעלבן טאג, נאר איין חילוק איז אז דו צאלסט פאר די פארגאנגענע חודש (מיט אן עקסטערע קנס פארן צאלן שפעט) און איך צאל שוין פארן קומענדיגן חודש!" (דאס האט מיר זייער געבאפט... א מענטש קען לעבן דעם זעלבן לעבן, נאר אנשטאט אלץ לויפן שפעט קען מען אלץ גיין פאראויס).

## זיך חבר'ן מיט יעדן איינעם

דער ראש ישיבה האט געהאלטן אין איין פרעגן די געסט: "פארוואס עסטו גארנישט?" דער ראש ישיבה האט זיי געמאכט שפירן זייער באקוועם.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב איך האט געזאגט פאר די בחורים זאלן נישט קומען צום באטע די וואך, אז מען קומט נישט שבת צופרי צום דאווענען איז נישטא קיין באטע!

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה גערופן איינער פון זיינע קינדער, ווען דאס קינד האט געהערט ווי די טאטע רופט האט ער געענטפערט: "יא", האט דער ראש ישיבה געזאגט שטרענג: "נישט יא!" (איך האב זייער הנאה געהאט צו זען וויאזוי דער ראש ישיבה איז מחנך זיינע קינדער מיט א שטארקייט, ווען א טאטע רופט ענטפערט מען נישט יא, מען קומט גלייך.)

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיינע צוויי קינדער: "יצחק דוד און הערשי, אלעס וואס אונז האבן - א חדר, א סקול, א ישיבה - אלעס איז אדאנק מאמיז!" (און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "איך זאג עס יעצט ווייל איך וויל אז יוסי זאל עס אריינלייגן אין

**מען שאצט מיך פאר צוועלף מעלאנעס און פיר בעלאנעס... איך האב צוועלף קינדער און פיר אייניקלעך!**

די בלעטל!...)

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב: "אויב איך דארף נאכאמאל מגולגל ווערן בין איך נאר מסכים אויב דו ביסט נאכאמאל מיין ווייב!" און דער ראש ישיבה האט איר געפרעגט: "אויב דארפסטו נישט מגולגל ווערן נאכאמאל, נאר איך, ביסטו מסכים מגולגל צו ווערן נאר צו זיין מיין ווייב?" האט זי געענטפערט: "נאר אויב דו

# סעודה מיטן ראש ישיבה

וועסט זיין ביים קומענדיגע גולגול מקורב צו היכל הקודש"...

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "דו ווייסט ווי רייך איך בין? מען שאצט מיר פאר צוועלף מעלאנעס און פיר בעלאנעס!... איך האב צוועלף קינדער און פיר אייניקלעך..."

**איך האב אזוי שטארק געוואלט זיין א ערליכער איד, איך בין געגאנגען צו יעדן גוטן איד!**

דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "שטעל זיך פאר מיר זענען נישט מקורב צו היכל הקודש, איך וואלט יעצט געדארפט זוכן א שידוך פאר שלמה... יעצט טוט דער אייבערשטער אזוי פיל גוטס מיט מיר, איך גיי שוין חתונה מאכן א פערטע קינד! שבח אייבערשטער!"

שפעטער זענען אפאר אינגעלייט ארויפגעקומען צום באטע, דער ראש ישיבה האט זיי אראפגעזעצט און געמאכט שפירן היימיש.

דער ראש ישיבה האט פארגעלערנט א שטיקל ליקוטי מוהר"ן וואס רעדט זיך פון די וואכעדיגע סדרה, דער רבי פרעגט דארט וויאזוי קען עס זיין אז יוסף האט געזען א דמות פון זיין טאטע יעקב, יעקב האט דאך נישט געוואוסט אפילו אז ער לעבט? דער ראש ישיבה האט עס נאכגעקוקט אינעווייניג,

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז אים גרינג צו טרעפן תורות אין ליקוטי מוהר"ן ווייל ער האט זיך צוגעוואוינט צו לערנען מיטן צורת הדף, געדענקט מען שוין בערך, די שטיקל איז אונטן פון אן עמוד, די שטיקל איז אויבן...

## ליקוטי מוהר"ן בעל פה

רעדנדיג פון טרעפן תורות אין ליקוטי מוהר"ן האבן זיך איינער פון די אינגעלייט ביים באטע אנגערופן אז ער האט לעצטנס געזען א תלמיד היכל הקודש ווי ער ווארפט צאם שטיקלעך ליקוטי מוהר"ן בעל פה, מיטן מראה מקום, "דער רבי זאגט דאך דארטן אזוי, און דארטן שטייט אזוי..." ער איז ממש אויסגעגאנגען פאר קנאה, ער וויל אויך איין טאג קענען ליקוטי מוהר"ן בעל פה, איז ער גלייך געגאנגען אין ספרים געשעפט, זיך געקויפט א ליקוטי מוהר"ן און אנגעהויבן לערנען.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "פאר דעם לערנסטו ליקוטי מוהר"ן? נאר צו קענען לשונות בעל פה?..."

## מיין הארץ האט געבענקט צום אייבערשטן

מען האט געזינגען מה ידידות מיט א מורא'דיגע התלהבות, אינמיטן זינגען האט דער ראש ישיבה נאכגעמאכט תנועות פון א גוטע איד, און איינער פון די אנוועזנדע האבן געפרעגט דער ראש ישיבה: "וויאזוי קען דער ראש ישיבה דעם איד?" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "וויאזוי איך קען אים?! איך בין געווען ביי אים אלץ בחור יעדן פרייטאג צונאכטס! מיין הארץ האט אזוי געבענקט צום אייבערשטן, איך האב אזוי שטארק געוואלט זיין אן ערליכער איד, איך בין געגאנגען צו יעדן גוטן איד, ביז דער אייבערשטער האט געמאכט א נס מיט מיר און מיר מקרב געווען צום רבי'ן".

שבח אייבערשטער איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן אזא שיינע סעודה, עס איז צום האפן אז נאך אידן האבן הנאה געהאט און ארויסגענומען עטליכע נקודות וויאזוי צו פירן א שבת טיש.

צוליב די גרויסע נאכפראגע
טוען מיר פארשטעלן אונזער נייע

# שבת גליונות מעגא פעקעדזש

וואס וועט צושטעלן א ריכטיגע עונג שבת פאר די גאנצע משפחה,
קינדער און ערוואקסענע, מענער און פרויען צוגלייך
מיט לייען מאטריאל אנגעפולט מיט אמונה, מידות טובות, עצות און חיזוק




גאראנטירט בעז"ה
אנצוקומען אויף שבת קודש
געשיקט דורך UPS

דער פעקעדזש רעכענט אריין:

**עצתו אמונה**

**קרית ברסלב בלעטל**

**גליון היכל הקודש**

**גליון שיעורי חינוך**

מען קען זיך אויך איינשרייבן צו באקומען
נאר די בית נצחי אדער עצתו אמונה

רופט שוין זיך איינצושרייבן:
718-387-2691 *3
אימעיל צו:
subscribe@kerenhadfusa.org

# א פעקעדזש דיעל

מ. אשרי

מחשבות דערקוטשען,
פארוואס זיך אזוי מיטשען.
ווי א נאר אינצווישן,
צוויי סענדוויטשן.

דער אלטע דיינינג רום און די צובראכענע קיטשן,
א צאמשטעל פון לעכער און דיטש'ן.
אלעמאל **wish**'ן,
נייע בענקלעך און טישן.

פארוואס נישט סוויטשן,
צו עפעס א בעסערע קאנדישן,
א נייערע סטייל זיך אריבערגליטשן.

פארוואס אזוי שוויצן,
מיטן אלטן עירקאנדישן.
מיין מאן א אאאלטע שטריימל מיט צענדליגע... שפיצן.

געענדיגט מיט די וויצן,
פון אלטע זאכן איבערניצן.
נישט אז איך זוך מיך צו פיצן,
נאר פשוט געהעריגע בענקלעך ווי צו זיצן.

ביי מיין שכנ'טע יעדע וואך,
א נייע דעזיין פארן קאך.
געלט איז דא ביי זיי נאך און נאך,
און מיר אזא בראך.

מיר זענען אלעמאל אין א לאך,
איך פיל מיך ווי א שלאך.
אזוי נישט צו קענען דעקן די וואך...?

קום נאר שעפעלע איך האב א סורפרייז,
א ריזיגע קאנטעינער אויווערסייז.
עס ליגט דארט שטיקער גאלד אבער ווער נישט אויף מיר בייז.

די וועסט דארט אנדערע מאטריאלן אויך טרעפן, ניין ס'איז נישט קיין גרייז.
נאר דאס 'גאנצע' פעקל צוזאמען קענסטו געבן אן אויסלייז.

אבער... א מינוט.... כאפ נישט... ווער נישט אזוי פארגלייזט,
ווייל צו פטור ווערן פון די איבעריגע גארבידזש וועסטו דארפן צאלן א טייערע פרייז.

האלט! נעם נישט די סחורה ס'איז א שפיל, עס זעט זיך אויס ווי א גוטער דיעל?
אבער עפעס האב איך אזא געפיל, דיך איינמיירען מיט די אנדערע סחורות דאס איז זיין ציל.

## קוק עס אן ווי א פעקעדזש דיעל...!

טראכט נישט פון דיין שכינה צופיל,
וואס ווייסטו ווי איז אין צניעות איר געפיל.

וואס טוט זיך דארט... איר מאן גייט בכלל אין שול?
איז נישט דארט אביסל צו קיל, לעבן זיי מיט א ציל?
אדער פון די קינדער מאכן זיי נישט קיין ביג דיעל...!
ענדערש וואטשן א מאווי, א דמיון א שפיל.

פירן זיי א שיינע שבת סעודה אדער א לאנשט א מיעל.
און וואס טוט זיך אויפן קאפ א טיכל? שייטל? בענדענע?



שניעל...!
ניין איך בין יעצט פאר ריעל.

מ׳דארף האבן געלט... טאקע ריכטיג,
און וואס קען דען זיין מער וויכטיג.
פון א נייע קיטשן ריין אין ציכטיג,
זיי אבער זייער פארזיכטיג.

קוקסט אן יענעם אזוי טיכטיג,
קוק נישט נאר ווי עס גלאנצט. קוק דארט ווי עס איז נישט אזוי
אממ... דורכזיכטיג...

יענער זעט אויס מעכטיג,
איז אין הארצן אויך לעבטיג?
ביי דיר עסט מען ברויט נעכטיג,
אבער דיין שטוב ווארים און פרעכטיג.

דאס קומט אויס זייער פיל,
מען פארגעסט צו קוקן ביידע זייטן פון שפיל.
טאקע נישט אלעמאל... אבער דאך טראכט מיט געפיל.

**אפשר איז די לעבן א פעקידזש דיעל!**

# קרית ברסלב בלעטל
# קינדער אפטיילונג

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**שבת דארף מען**

א. זיין בדביקות
ב. טרינקען קאווע
ג. זיין בגילופין
ד. זיין פרום
ה. זיין זייער ערנסט
ו. נאר זיין פריליך
ז. עסן חסיד'ישע מאכלים
ח. טאנצן שפרינגען

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט: ווי לאנג דעם דף שיצט אויף דיר

**דארפסטו נישט מורא האבן פון קיינעם!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**לאה זאבעל תחי' - קרית יואל**

שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

קריאת שמע שעל המיטה של אריז"ל איז פאר אלעמען, סיי פאר אינגלעך און סיי פאר מיידלעך.

**וואויל איז דעם וואס ליינט קריאת שמע פאר'ן גיין שלאפן,** דורכדעם וועט ער געראטעוועט ווערן פון אלעם שלעכטס.

אויך נעגל וואסער איז פאר אלעמען - סיי פאר אינגלעך און סיי פאר מיידלעך; מען טרעט נישט אראפ פון בעט אן אפגיסן נעגל וואסער.

(עצת אמונה פרשת שמות תשפ"ב)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | א | ר | ו | מ | י | י | ד | ל | ע | כ | ג | ס | ט | ה |
| נ | ב | ק | ו | ע | ע | ב | ש | מ | ע | י | צ | ח | ע | ב |
| ת | ס | ר | א | צ | נ | ד | ב | ז | י | ב | ש | ק | ו | ב |
| ס | י | י | ס | נ | פ | כ | כ | נ | ב | ו | ל | כ | ו | ז |
| כ | י | א | ע | א | י | ע | ר | ר | פ | ט | ע | ב | צ | פ |
| ת | ר | ת | ר | ז | נ | ה | פ | ח | ו | ל | כ | א | י | ז |
| ר | א | א | ט | ו | ט | פ | ע | ר | ג | ד | ט | נ | ט | א |
| פ | פ | ת | א | י | ז | א | ח | נ | ו | פ | ס | א | א | כ |
| כ | ת | מ | מ | ה | פ | ר | י | ל | ש | י | ר | ל | ע | ט |
| ג | ז | ה | ד | ז | י | א | ת | ת | ג | מ | ע | ל | א | ק |
| ע | ט | נ | י | י | ל | פ | ר | פ | ל | מ | ד | ס | כ | ע |
| ר | ס | ד | א | פ | ק | ד | א | י | ע | י | נ | ר | י | ק |
| א | מ | נ | ר | ע | ע | ל | ו | נ | י | ר | ר | ו | ס | י |
| ט | א | ו | י | מ | ק | א | י | מ | א | ע | ע | ו | ח | ק |
| ע | ה | א | ז | ש | ו | ר | כ | פ | ס | נ | ו | א | פ | ה |
| ו | ז | ל | ל | ו | ט | ז | י | א | פ | ב | ו | ס | ק | ש |
| ו | ט | ע | נ | ב | ח | פ | ו | א | ט | ה | נ | ע | מ | א |
| ע | ע | מ | ע | ע | ב | ו | ל | י | ת | ב | פ | ש | ס | ע |
| ט | ר | ע | ג | א | ג | ש | כ | ל | א | פ | ו | ו | ע | ו |
| ט | ט | נ | ל | כ | ע | ל | ג | נ | י | א | נ | ס | ז | ל |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו ליינען קריאת שמע פארן גיין שלאפן!





## א שטיקעלע ספר המדות

# אַהֲבָה

**ו. עַל יְדֵי אַהֲבָה בָּא הִתְחַזְּקוּת.**

**אַז מֶען הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן.**

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבין פארהער

וועלכע שיחה פון מוהרא"ש דערמאנט דיך די בילד?



### ענטפער פון פאריגע וואך

דער הייליגער רבי האט געזאגט: "דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו איינער וואס האלט א פארמאכטע האנט און יעדער לויפט אים נאך, און צום סוף עפנט ער זיין האנט און האט גארנישט"

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





יעדע מאל איידער דו פארסט מיט א קאר - זאלסטו זאגן
תפילת הדרך. (עצתו אמונה פרשת וישב תשפ"ג)

# קינדער גאלעריע



חדר היכל הקודש בני ברק



חדר היכל הקודש בני ברק



ליפא איינהארן נ"י - לינדן
הלל הזקן



פייגעלע יאקאבאוויטש תחי' -
קרית ברסלב



משפחת ראטה - קרית ברסלב



משפחת מזרחי
קרית ברסלב



חדר היכל הקודש בני ברק



גאלדי לאקס - קרית ברסלב

# מַעֲשֶׂה פון תְּפִלָּה
# פַאר קִינְדֶער

ת. ספירא תחי' - בית שמש










איידי ראבינאוויץ תחי' - בית שמש









# בילדער
## אפטיילונג









אבות ובנים מוצאי שבת ויחי אין היכל הקודש וויליאמסבורג





דער ראש ישיבה אין תלמוד תורה קרית ברסלב - ג' שמות



קרעדיט: יעקב פיש

דער ראש ישיבה אין ישיבה פרשת שמות



קרעדיט: נח לוין

גליונות טישל ביים נייע ביהמ"ד היכל הקודש אין אלעד



קרעדיט: אשר לעמל זוסמאן



קרעדיט: אשר לעמל זוסמאן

שמחת הבר מצוה פון הבחור אלעזר ארי בן מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו - ג' שמות



קרעדיט: אשר לעמל זוסמאן

סיום הש"ס פון הבחור אלעזר ארי בן מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו - ג' שמות



קרעדיט: שמעון פיש

הנחת תפילין פון הבחור הבר מצוה אלעזר ארי בן מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו - ד' שמות תשפ"ד



קרעדיט: יוסי פרארה

לחיים נאך שחרית פאר הבחור הבר מצוה אלעזר ארי בן מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו - ד' שמות תשפ"ד



קרעדיט: אייזיק

דער ראש ישיבה שליט"א גיבט מזל טוב פארן חתן אהרן יוסף קליין נ"י - ד' שמות תשפ"ד






קריאת שמע לייגען פאר הילד יחזקאל נ"י בן הרב שלמה רוטה שליט"א אין ילד שעשועים




שבע ברכות פאר החתן דניאל אייזנער נ"י בן מו"ה נתנאל הי"ו עב"ג מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו ביים דאנערשטאג נאכט שיעור אין שטעטל - ה' שמות תשפ"ד




דאנערשטאג נאכט שיעור צוזאמען מיט די וואך נאכט פון אן אייניקל פונעם ראש ישיבה שליט"א ביי בנו ר' שלמה שליט"א אין שטעטל - ה' שמות תשפ"ד





ברית פון אן אייניקל פונעם ראש ישיבה שליט"א ביי בנו ר' שלמה שליט"א אין שטעטל -ו' שמות תשפ"ד




סעודתברית פון אן אייניקל פונעם ראש ישיבה שליט"א ביי בנו ר' שלמה שליט"א אין שטעטל -ו' שמות תשפ"ד




דער ראש ישיבה באגלייט ארויס זיין טאטע נאכן ברית




מען טאנצט נאכן דאווענען שחרית




קבועות מזוזה דורך קארלסבורגער רב שליט"א אין שטוב פון הרב אלחנן רוטה שליט"א אין שטעטל




אפשערן פון בן מו"ה שלום יוסף יאקאבאוויטש הי"ו




ארויפגעלייגט די נאמען פונעם נדבן אויפן בנין התלמוד תורה אין שטעטל







קביעת מזוזה ביים שטוב פון מו"ה יקותיאל פעלדמאן הי"ו אין שטעטל - ג' שמות







דער ראש ישיבה קלאפט מזוזה ביים ערשטן הכנסת אורחים אין שטעטל אין שטוב פון מו"ה משולם פינטער הי"ו - ערב שבת שמות